# גאָלדענע וויגעלע פֿון מײַן יוגנט

גאָלדענע וויגעלע פֿון מײַן יוגנט,
פֿאַרברענטע שטעטעלע מײַנע,
סלוצק, איך באַזינג אין צער
די יסורים דײַנע.

אין דײַן אַמאָל
מײַן אייגענע פֿרייד,
פֿעלדער און בלומען
און ליכט און פֿרייד.

גרינע לאָנקעס,
שטילקייט און רו,
בלויז דאָס מעקען
פֿון אַ קו.

רעב איטשעס שײַער,
די וואַסער מיל,
די געסעלעך שמאָלע,
רויִק און שטיל.

דער ברייטער שאָסיי,
די סעדער צעזונגען,
אַלץ איז געוואָרן
פֿון פֿײַער פֿאַרשלונגען.

די גאָלדענע וויגעלע
פֿון מײַן יוגנט פֿאַרברענט,
געבליבן איז בלויז
אַ פּאָר רויכענדע ווענט